**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט די עפענונג פון די 2024 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר ( GREAT NEW YORK STATE FAIR)**

***שטרייכט אינקלוסיוויטי באמיאונגען, אריינגעמען א נייעם סענסארי צימער און טאג פון סענסארי***

***פייערט נייע אגריקולטורישע עקסהיביטס און אפערינגס, גראונד ענטערטעינמענט מעגליכקייטן, אינאוואציעס און ספעציעלע טעג***

***באשטימט פאר מארגן, אויגוסט 22, סטעיט פארקס טאג ביי די ניו יארק סטעיט פעיר און לאדענט ניו יארקער צו פייערן דעם 100'סטן יארטאג פון ניו יארק סטעיט פארקס מיט אומזיסטע איינטריט פאר פארקס פאס האלטערס דעם טאג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמעלדט דעם עפענען פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, אונטערשטריכטנדיג צענדליגע נייע איניציאטיוון, ספעציעלע צערעמאניעס און געשעענישן וואס וועלן פארקומען איבער'ן 13-טעג פעיר'ס פירקום, ווי אויך דאס פארענדיגן פון אימבפרואוומענט פראיעקטן וואס וועלן שטארקן אינקלוסיוויטי און צושטעלן א וועלט-קלאס איבערלעבעניש פאר די וואס וועלן זיין ביים פעיר. די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר וועט פארקומען פון אויגוסט 21 און גייט אן ביז לעיבער דעי, סעפטעמבער 2, 2024. אין צוגאב דערצו, צו פייערן דעם אפיס פון פארקס, ריקריעישאן און היסטארישע פרעזערוועישאן'ס (סטעיט פארקס) הונדערט-יעריג (צענטעניעל), האט די גאווערנער געמעלדט אז מארגן, אויגוסט 22 איז סטעיט פארקס טאג ביים פעיר, וועלכע וועט ענטהאלטן אן אומזיסטע איין-טאג איינטריט פארגעלייגט פאר פארקס פאס האלטערס, ספעציעלע עקסהיביטס און די צענטעניעל טשעלענדזש.

"אלס איינס פון די עמפייער סטעיט'ס מערסט באליבטע יערליכע טראדיציעס, איז די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר א פירקום וועלכע איך מוטיג יעדן ניו יארקער צו בייוואוינען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פעיר איז אן אומגלויבליכע געלעגנהייט צו מאכן לעבנס-לאנג אנדענקונגען און צו לערנען מער וועגן אונזער סטעיט'ס באזונדערע אגריקולטור אינדוסטריע, אינאוואציעס, קולטור און היסטאריע. מיר זענען באגייסטערט אויך צו פייערן ניו יארק סטעיט פארקס אין א באזונדערע וועג דעם יאר און מוטיגן די מיט בארעכטיגטע פארק פאסעס צו אריינגיין צום פעיר פריי פון באצאל און הנאה האבן פון אלעס וואס די פעיר באדנס און סטעיט פארק ביים פעיר האבן צו פארלייגן דעם זומער."

**סטעיט פארקס צענטעניעל פייערונג**

לכבוד די אגענטור'ס 100'סטע יארטאג אין 2024, איז דאנערשטאג, אויגוסט 22 אנגעשטימט געווארן אלס דער "סטעיט פארקס טאג" ביים פעיר. דער ספעציעלער טאג וועט ענטהאלטן אומזיסטע איינטריט פאר די וואס גייען צום פעיר וועלכע שטעלן פאר איינס פון די פאלגנדע פאסעס ביי די טויערן: עמפייער פאס, אקסעס פאס, לייפטיים ליבערטי פאס און גאלדען פארק פראגראם (מענטשן פון 65 און עלטער

האבן אומזיסטע איינטריט יעדן טאג פון די פעיר). די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר זאמד סקולפטאר, וועלכע איז פארגעשטעלט אינעם צענטער פון דעם פראגרעס געביידע, איז אויך געווידמעט צום סטעיט פארקס צענטעניעל הייניגס יאר.

געפינט זיך צווישן די פעירגראונד'ס טשעווי קאורט (Chevy Court) און די הארטיקולטור (Horticulture) געביידע, די דריי אקער סטעיט פארק ביים ארט פון פעיר ענטהאלטן פיקניק טישלעך,ביימער און א פארשאטנטע דורכלויכטיגע באסיין מיט א וויזיטאר צענטער און געשאנקען שאפ. אין דעם וויזיטאר צענטער, וועט סטעיט פארקס צייגן די בלעיזינג א טרעיל (Blazing a Trail) אינטעראקטיווע טיימליין עקסהיביט צו אנווייזן די וואס קומען צום פעיר דעם סטעיט פארקס היסטאריע און אריגינעלע פארקומעניש. באלערנטע שטאב וועלן זיין צום האנט טעגליך צו מוטיגן באזוכער צו מיטטיילן זייערע סטעיט פארקס פארקומענישן און אננעמען די צענטעניעל טשעלענדזש און מאכן רעקאמענדאציעס פאר רייזע פלענער דורכאויס יעדן ווינקל פון ניו יארק. א צאל צייגענישן, עקסהיביטס און געלעגנהייטן צו אינטעראקטן מיט די שטאב פון סטעיט פארקס ביוראס, אריינעמיג ענווייערמענטעל ערציערס, היסטארישע איבערזעצער אין קאסטיום, סטעיט פארק פאליציי און פארק רעוויזארן און נאך, וועלן אויך זיין דארט. באזוכט https://nysfair.ny.gov/your-visit/daily-schedules/ פאר די גאנצע ליסטע פון דעם פארקום.

**פאקוס אויף אגריקולטור**
אגריקולטור איז דער רוקנביין פון ניו יארק'ס עקאנאמיע, און די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר טוט צייגן די עכט בעסטע פון וואס די עמפייער סטעיט האט צו פארלייגן. הייניגס יאר, האט די פעיר פארברייטערט אגריקולטורעלע קאנקורענץ, געמעלדט אויפן צוריקום פון פאפולארע בלומען פארשטעלונגען, און לייגט פאר פאר די וואס קומען צום פעיר געלעגנהייטן צו קומען נאענט און פערזענליך מיט חיות דורך פארשידענע אינטעראקטיווע עקסהיביטס, אריינעמיג דאס צוטוליען בעיבי ציגן אינערהאלב די הארטיקולטור געביידע.

הייניגס יאר, וועלן די וואס קומען צום פעיר פון יעדן עלטער וועלן באזוכן די ניו יארק מעיפל סטענד און די פונדאסניי איבערגעבויטע Taste NY פארברייטערונג אינערהאלב די הארטיקולטור געביידע וואו זיי קענען לערנען מער וועגן די ביז 300 ניו יארק-באזירטע פראדוקטן און מאדעליזירטע זאכן פון איבער דעם סטעיט. פאר די וואס זענען פאראינטערעסירט צו לערנען מער וועגן ניו יארק'ס בליענדע מעיפל אינדוסטריע, וועט די מאבילע מעיפל עקספעריענס זיין געפארקט דירעקט אינדרויסן פון די הארטיקולטור געביידע במשך אלע 13 טעג פון די פעיר. די עקסהיביט שטעלט צו א געלעגנהייט צו לערנען מער וועגן ווי מעיפל סיראפ ווערט פראדוצירט ווי אויך אויף דעם באווירקונג עס האט אויף געמיינדעס איבער דעם סטעיט און ווייטער.

דער שטים פון דעם פארמער גארדען איז אויך היבש געוואקסן הייניגס יאר מיט צענדליגע נייע אינטעראקטיווע און עדיוקעישענאל קאמפאנענטן. דער גארדען, וועלכע איז ערשט ערשינען אין 2023 און איז די ערשטע גארטן איבערן לאנד פון דעם סארט, עס צייגט איבער 35 פארשידענע פרוכטן, גרינס געוויקסן, הערבס און פאלינאטור פלאצונגען. הייניגס יאר, וועט דער גארדען אויך שטאלצירן מיט צענדליגע צוגעגעבענע אינטעראקטיווע פארשטעלונגען, דעמאנסטאראציעס און דיסקוסיעס וואס צייגן געסט רעדנערס פון אומצאליגע אגריקולטורעלע ארגאניזאציעס, אריינעמיג א פארשטעלונג אויף האפס, די נייסטע צוגאב צום גארדען'ס פארשידנערליי געוויקסן.

אום פרויען'ס טאג, וואס קומט אויס אויגוסט 28, וועט די פעיר באערן די צוגאבן פון עטליכע פרויען וואס האבן געלאזט א גרויסע השפעה אויף עטליכע אגריקולטורעלע ענדעווערס און איניציאטיוון. אלץ צוזאמען, וועלן 10 פרויען ווערן אנערקענט פאר זייערביישטייערונגען אין ערטער אריינגערעכנט פארשונג,

לעגאסי, שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען, וועטערינערי אויסצייכענונג, פירערשאפט, אינאוואציע, מענטארשיפ, אלגעמיינע עררייכונג, און נאך.

די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר נעמט אויך אנטייל אין דעם גאווערנער'ס לעצטיגע געגרינדעטע קאונטי פעיר פאספארט פראגראם, וועלכע איז טייל פון א $2 מיליאן אינוועסטירונג אין קאונטי פעירס צו העלפן מיט זייער מארקעטינג און העכערונג. די פראגראם איז אויסגעשטעלט צו פארמערן געלעגנהייטן צו פארבעסערן יוגענטליכע און אגריקולטורישע פראגראמירינג איניציאטיוון ביי אלע פעירס לענגאויס די סטעיט, בשעת אויך אריינעמען פאמיליעס און יונגע מענטשן און זיי ערמוטיגן צו באזוכן מערערע קאונטי און לאקאלע פעירס, אריינגערעכנט די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, זיך צו פארבינדן ערשטהאנטיג מיט ניו יארק אגריקולטור.

**פארמערטע אינקלוסיוויטי**
דער גאווערנער האט ארויסגעשטרייכט פארברייטערטע צוטריט איניציאטיוון ביי די פעיר די יאר, אריינגערעכנט די עפענונג פון א נייע סענסארי צימער אין די וועגמענס ארט און היים צענטער. די צימער, וואס איז אפען טעגליך פון 10:00 צופרי און 5 מיטאג, וועט צושטעלן די מענטשן וואס גייען צום פעיר מיט א באקוועמע סביבה וואס נעמט אריין שטילע מוזיק, ווייכע באלייכטונג, פראדזשעקטארס, לעפ פעדס מיט א וואג, געשטאפטע חיות, ביען בעג בענקלעך, און נאך. ווי אויך, וועט די פעיר פארשלאגן א סענסארי פריינטליכע טאג דינסטאג, אויגוסט 27 פון 9:00 צופרי ביז 1:00 נאכמיטאג. דורכאויס די צייט, וועלן פילע ריידס אויף די מידוועי אפערירן אן לאמפס און שטימעס, מוזיק און פובליק אדרעס מעלדונגען דורכאויס די פעיר וועט פארמינערט אדער באגרעניצט ווערן צוצושטעלן הנאה'דיגע פארוויילונג פאר אלע ניו יארקער.

**פארמערטע אונטערהאלטונג רייע און נייע אויסשטעלונגען**
אלץ א צענטראלע טעמע ביים פעיר, וועט די פארוויילונג אויסשטעל דורכאויס די יאר'ס 13-טאג לויף איז אויסערגעווענליך מיט א געשמיש פוןביישויער-באליבטע, אריינגערעכנט Hilby the Skinny German, Juggle Boy, The Dinosaur Expedition, Birds of Prey, און נאך, און פרייליכע ערשט-מאליגע אטראקציעס, אזויווי Nerveless Nocks Sway Pole Show and Ally Walker Ink Chalk Artist, וועלכע ספעציעליזירן זיך אין טויזן די פשוטע צו עפעס אויסערגעווענליך דורך אטעמפארכאפנדע אויסשטעלן אריינגעלייגט אויף די ערד.

אלץ צוזאם, זענען דא 39 נאציאנאלע רעקארדירטע אקטן וואס באווייזן היטמעיקערס, האלל-פון-פעימערס, און אויפקומענדע טאלאנטן פון אן אויסוואל פון דזשענערס און דעקאדעס צופרידנצושטעלן אן אויסוואל פון מוזיקאלישע סארטן. מיט טעגליכע שפילן ביי Chevy Court און א קאנצערט ביינאכט ביי Suburban Park, וועלן די וואס גייען צום פעיר אלע עלטער האבן עפעס ארויסצוקוקן צו, אריינגערעכנט פאמיליע-פריינטליכע אויסוואלן ווי Kidz Bop און Blippi: די Wonderful World Tour. די פעיר'ס מוזיקאלישע אויסשטעל נעמט אויך אריין אינטערנאציאנאלע סענזאציעס Flo Rida, Rick Ross, Joan Jett and The Blackhearts, Chevelle, Megan Moroney, Blue Oyster Cult, Joey Fatone and AJ McLean, און נאך.

ווי אויך, איז סירעקיוז איינע פון בלויז 15 סיטיס אויסגעוועלט פון איבער די פאראייניגטע שטאטן צו האבן נעיווי וואך. אין טייל פון די פייערונג, איז די פעיר אויפגעשטעלט אויפצונעמען די פאראייניגטע שטאטן נעיווי באנד און די וואס גייען צום פעיר וועלן האבן די געלעגנהייט צו ארומגיין די U.S.S Nimitz Exhibit, וועלכע איז אן אינטעראקטיווע ערפארונג מיט איינע פון די נעיווי'ס הויפט לופט פירמעס. די פעיר וועט אויפנעמען אדמירעל דזשאש דזשעקסאן, א סירעקיוז נעיטיוו, צו העלפן פייערן ארמד סערוויסעס טאג אום אויגוסט 29.

די פעיר'ס באַרימטע מידוועי איז אויך אויסגעשטעלט צו אויפנעמען פרייליכע נייע אַטראַקציעס וואָס ברענגען אומצאָליגע שעות פון פריילעכקייט צו די וואָס גייען צום פעיר פון אַלע עלטער. Wade Shows, די לאנד'ס צווייטע-גרעסטע מיטוועי פראוויידער, וועט האָבן נאָנט צו 100 ריידס, שפּילן און אַטראַקציעס, אַריינגערעכנט צענדליגע נייע אויסוואַלן פאַר די וואָס זוכן אַוואַנטורעס.

**פאַרבעסערונגען פּראָיעקטן:**
די פעיר האָט גענומען שריט צו אויספרישן איר 375-אַקער קאַמפּוס אַלץ טייל פון איר קאַפּיטאַל פאַרבעסערונג פּלאַן, אַריינגערעכנט אַפּגרעידס צו ווײַ-פײַ פאַרבינדענע אינפראַסטרוקטור צו פאַרזיכערן אַז באַזוכער זאָלן קענען בלייבן פאַרבינדן בשעת'ן הנאה האָבן פון פאַרשידענע ערטער לענגאויס די פעירגראַונדס. ווי אויך, איז Basilio's געוואָרן גענצליך איבערגעבויט אַלץ טייל פון די פעיר'ס אַלגעמיינע איבערפרישונג באַמיאונגען צו פאַראייניגן די אויסזען און געפיל פון Restaurant Row מיט אַ שטאַנדהאַפטיגע אויסשטעל.

די פעיר האָט זיך אויך פאַראייניגט מיט לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס אַרבעטן שווער צו פאַרשענערן טיילן פון די ערטער מיט אויפגעהויבענע בלומען בעטן, גאָסן פאַרשענערונגען און לענדסקעיפּ פאַרבעסערונגען צו ווייטער פאַרשענערן די ערפאַרונג פון די וואָס גייען צום פעיר.

**ניו יאָרק סטעיט אַגריקולטור קאָמישאַנער ריטשערד אַ. באַל האָט געזאָגט,** "די פעיר איז די אויסגעצייכנטע סצענע צו ווייטער פאַרשטערקערן די וויכטיגע ראָלעס און שווערע אַרבעט וואָס אונזער אַגריקולטורישע שותפים שפּילן אין געמיינדעס לענגאויס ניו יאָרק. מיט לאַנג-יעריגע טראַדיציעס און פּילע נייע אויסשטעלונגען הנאה צו האָבן פון, צוזאַמען מיט אומצאָליגע אויסוואַלן פאַר עסן, אונטערהאַלטונג און לערנען, איז נישט דאָ קיין מאַנגל פון הנאה'דיגע אַקטיוויטעטן פאַר גרופּעס פון אַלע עלטער. איך וויל זיך באַדאַנקען פאַר אונזער אויסערגעוועלנליכע סטעיט פעיר שטאַב, אַלע אונזערע שותפים, ווענדאָרס, און קאָמיוניטי מיטגלידער וואָס העלפן אונז מאַכן די בעסטע סטעיט פעיר אינעם לאַנד."

**ניו יאָרק סטעיט פעיר דירעקטאָר זשולי לאַפּעיוו האָט געזאָגט,** "נישט קיין חילוק אויב איר זענט אינטערעסירט אין אַגריקולטורישע אויסשטעלונגען און פאַרמעסטונגען, אויסערגעוועלנליכע עסן און טרינקען אויסוואַלן, ערשט-קלאַסיגע אונטערהאַלטונג צו יעדע צייט, אָדער פאַרשן פּראָדוקטן פון ווענדאָרס לענגאויס ניו יאָרק, די גרעיט סטעיט ניו יאָרק סטעיט פעיר האָט עפּעס פאַר יעדעם. איך בין אַזוי פריידיג צו פייערן די בעסטע פון ניו יאָרק און קוק אַרויס צו נאָך אַן אויסגעצייכנטע יאָר ביים פעיר."

**ניו יאָרק סטעיט פּאַרקס קאָמישאַנער פּראָ טעמפּאָר רענדי סימאָנס האָט געזאָגט,** "ניו יאָרקער האָבן זיך פאַראייניגט 100 יאָר צוריק צו שאַפן איינס פון ניו יאָרק סטעיט'ס גרעסטע אינווייראָנמענטאַלע לעגאַסיס - אונזער סטעיט פּאַרק און היסטאָרישע אָרט סיסטעם - און די סטעיט פּאַרק ביים פעיר איז אַ וואונדערבאַרע פּלאַץ צו אויסגעפינען וואָס איר קענט אַנטדעקן ביי אונזערע איבער 250 פאַסיליטעטן דורכאויס די סטעיט. מיר קוקן אַרויס צו פייערן מיט באַזוכער אויף סטעיט פּאַרקס טאָג דאָנערשטאָג, אויגוסט 22 און ערמוטיגן וועיווד איינטריט פאַר די מיט ספּעציעלע פּאַרק איינטריטן יענע טאָג."

די פעיר לויפט ביז לעיבאָר דעי, מאָנטאָג סעפּטעמבער 2. איינטריט, פּאַרקינג און טיקעטס צום פעיר'ס באַרימטע מידוועי קען מען קויפן דורכ'ן באַזוכן די גרעיט ניו יאָרק סטעיט פעיר'ס וועבזייטל.

איינטריט צום גרעיט ניו יאָרק סטעיט פעיר איז פול מיט ווערטפולקייט און גיט צוטריט צו 39 נאַציאָנאַלע רעקאָרדינגס. עס וועט פּאַרקומען יעדן טאָג 1 נאָכמיטאָג און 6 נאָכמיטאָג אַ קאָנצערט ביי **Chevy Court** (געפינט זיך נעבן טויער 1), און יעדן טאָג 8 ביינאַכט אַ קאָנצערט ביי **Suburban Park** (געפינט זיך אויפן סוף פון מערב פון די פעיר-באַדנ'ס, אינדרויסן פונעם מידוועי). לעצטיגע קאָנצערט סקעדזשולס,

צוזאמען מיט ארטיגע ענטערטעינמענט שפילן, טעגליכע סקעדזשולס, אוועילעבל ווענדארס, פארמעסטונגען סקעדזשולס, און נאך זענען אוועילעבל אויף די פעיר'ס וועבזייטל.

געגרינדעט אין 1841, זענען די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר פארשטעלונגען די בעסטע פון ניו יארק אגריקולטור, זיי שטעלן צו בעסערע אונטערהאלטונג, און איז א הויפט טייל פונעם סטעיט'ס CNY Rising סטראטעגיע פון פארברייטערן די צענטראלא ניו יארק עקאנאמיע דורך טוריזם. עס איז די עלטסטע פעיר אין די פאראייניגטע שטאטן און ווערט נאכאנאנד אנערקענט אלס איינס פון די העכסטע פינף סטעיט פעירס אינעם לאנד.

די ניו יארק סטעיט פעיר שטח איז 375 אקער גרויס און איז פול מיט אויסשטעלונגען און אונטערהאלטונג וואס זענען אפן א גאנץ יאר. דער פובליק ווערט ערמוטיגט צו לערנען מער איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר אנליין, קוקן בילדער אויף Flickr, און פאלגט נאך די הנאה אויף Twitter, Facebook, און Instagram.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן